— איך ווייס עס אָן דיר! — זאָג איך — דאָס עפּעלע — זאָג איך — פֿאַלט נישט ווײַט פֿונעם ביימעלע.

אַזוי זאָג איך צו אים און דאָס האַרץ, געוויינטלעך, וואַקסט פֿאַר תּענוג. וואָרעם וואָסער פֿאָטער, איך בעט אײַך, האָט נישט ליב, אַז מע לויבט אים זײַנע קינדער? גיי זײַ אַ נביא, אַז פֿון אַזאַ מין ליבעניש וועט גאָר אַרויסשפּרינגען אַ פֿאַרקאָכעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן!

איר מעגט דאָס האָרכן.

בקיצור, ויהי ערב ויהי בוקר — געווען איז דאָס צווישן טאָג און נאַכט, אין בויבעריק טאַקע. פֿאָר איך מיר אַזוי מיט מײַן וועגעלע איבער די דאַטשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ. איך טו אַ קוק — ס'איז אפֿרים דער שדכן. אפֿרים דער שדכן, דאַרפֿט איר וויסן, איז זיך אַ ייִד אַ שדכן ווי אַלע שדכנים. פֿאַרנעמט זיך, הייסט דאָס, מיט שידוכים. דערזעט ער מיך, אפֿרים הייסט עס, אין בויבעריק און שטעלט מיך אָפּ:

— זײַט זשע מוחל, ר' טבֿיה, איך דאַרף אײַך עפּעס — זאָגט ער — זאָגן.

— מהיכא תּיתי, אַבי אַ גוטס — זאָג איך און שטעל־אָפּ דאָס פֿערדל.

— איר האָט — זאָגט ער — ר' טבֿיה, אַ טאָכטער!

— איך האָב — זאָג איך — זיבן, זאָלן געזונט זײַן.

— איך ווייס — זאָגט ער — אַז איר האָט זיבן. איך האָב אויך זיבן.

— האָבן מיר — זאָג איך — אין איינעם אַזוי גרויס ווי פֿערצן.

— בקיצור, ווערטלעך אויף אַ זײַט! — זאָגט ער — די מעשה, ר' טבֿיה, דערפֿון — זאָגט ער — איז אַזוי: איך בין דאָך, ווי אײַך איז ידוע, אַ ייִד אַ שדכן. האָב איך — זאָגט ער — פֿאַר אײַך אַ חתן פֿון חתן־לאַנד. אַ חתן טאַקע פּערווע שבפּערווע[24]!

— דהיינו — זאָג איך — וואָס ווערט אָנגערופֿן בײַ אײַך אַ חתן פֿון חתן־לאַנד, פּערווע שבפּערווע? אויב — זאָג איך — אַ חייט אָדער אַ סנדלר, אָדער אַ מלמד, מעג ער — זאָג איך — זיצן דאָרט, און איך — זאָג איך — ריווח והצלה יעמד[25]; מײַן גלײַכן וועל איך מיר געפֿינען, ממקום אַחר, ווי דער מדרש — זאָג איך — זאָגט...

— ע — זאָגט ער — ר' טבֿיה, איר הייבט שוין אָן מיט אײַערע מדרשים? מיט אײַך — זאָגט ער — ריידן באַדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען! איר פֿאַרשיט — זאָגט ער — די וועלט מיט מדרשים. איר הערט בעסער אויס — זאָגט ער — וואָס פֿאַר אַ שידוך אפֿרים דער שדכן איז אַ בעלן אײַך פֿאָרצולייגן; איר זאָלט — זאָגט ער — נאָר האָרכן און שווײַגן.

אַזוי מאַכט ער צו מיר, אפֿרים הייסט דאָס, און נעמט און לייגט מיר אויס אַ צעטל — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאַקע עפּעס קאַפּריסין[26]. ראשית, איז דאָס זייער אַ שיין אָרט; אַ טאַטנס אַ קינד, זאָגט ער, ניט קיין „האָץ־דרגא"[27]. און דאָס, דאַרפֿט איר וויסן, איז בײַ מיר דער עיקר. וואָרעם איך בין אַליין אויך ניט אַבי ווער; בײַ מיר אין דער משפּחה זײַנען פֿאַראַן אַלערליי, ווי זאָגט ער: עקודים, נקודים וּבֿרודים — פֿאַראַן פּראָסטע מענטשן, פֿאַראַן בעלי־מלאכות און פֿאַראַן באַלעבאַטים. הײַנט איז ער אַ יודע־נגן, וואָס פֿאַרשטייט אין די קליינע אותיות. און דאָס איז בײַ מיר אַוודאי נישט פֿון די קליינע זאַכן. וואָרעם אַ גראָבן יונג האָב איך דאָך פֿײַנט ווי חזיר! בײַ מיר אַן עם־הארץ איז ערגער טויזנט מאָל פֿון אַ הולטײַ; איר מעגט אײַך גיין אָן אַ היטל און אַפֿילו מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף, אַבי איר ווייסט וואָס רשי מאַכט, זײַט איר שוין פֿון מײַנע לײַט. אָט אַזאַ ייִד איז טבֿיה... הײַנט איז ער — זאָגט ער — רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. פֿאָרט־אַרויס, זאָגט ער, מיט אַ קאַרעטע, מיט אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים, עס גייט אַזש אַ רויך!...

נו, מהיכא תּיתי, טראַכט איך מיר, דאָס איז אויך נישט פֿון די גרויסע חסרונות. איידער אַ קבצן איז שוין גלײַכער אַ נגיד. ווי זאָגט ער: יאה עניותא לישׂראל[28] — גאָט אַליין האָט אויך פֿײַנט אַ קבצן. אַ סימן האָט איר, אַז גאָט זאָל ליב האָבן אַ קבצן, וואָלט אַ קבצן קיין קבצן נישט געווען. „נו, לאָמיר הערן ווײַטער", זאָג איך. „ווײַטער, זאָגט ער, וויל ער מיט אײַך אַ שידוך טאָן. ער גייט־אויס, ער חלשט, זאָגט ער, דאָס הייסט נישט נאָך אײַך — נאָך אײַער טאָכטער חלשט ער. ער וויל אַ שיינע, וויל ער"...

— אַזוי? — זאָג איך — לאָז ער זײַן פֿאַר איר די כּפּרה! ווער — זאָג איך — איז ער, דער אַנטיק אײַערער? אַ בחור? אַן אַלמן? אַ גרוש? אַ שוואַרץ־יאָר?

— ער איז אַ בחור — זאָגט ער — אַ בחור, אַפֿילו אין די יאָרן שוין, נאָר אַ בחור.

— ווי אַזוי זשע — זאָג איך — איז דער הייליקער נאָמען זײַנער?

וויל ער מיר ניט זאָגן, כאָטש בראָט אים. „ברענגט זי, זאָגט ער, צו פֿירן קיין בויבעריק, וועל איך אײַך נאָך דעם, זאָגט ער, זאָגן".

— וואָס הייסט — זאָג איך — איך זאָל זי ברענגען צו פֿירן? ברענגען — זאָג איך — ברענגט מען צו פֿירן אַ פֿערד — זאָג איך — אויפֿן יאַריד אָדער אַ בהמה צו פֿאַרקויפֿן...

בקיצור, די שדכנים, ווייסט איר דאָך, קאָנען איבעררײדן אַ וואַנט. ס'איז געבליבן, אַז אם־ירצה־השם נאָך שבת ברענג איך זי צו פֿירן קיין בויבעריק. און אַלערליי גוטע, זיסע מחשבֿות קומען מיר אויף די געדאַנקען. און איך שטעל מיר שוין פֿאָר מײַן האָדלען, ווי זי פֿאָרט אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיקע סוסים און די וועלט איז מיך מקנא, ניט אַזוי אויף די קאַרעטע מיט די סוסים, ווי אויף די טובֿות, וואָס איך טו דער וועלט דורך מײַן טאָכטער די

"So what else is new?" I say. "The apple fell close to the tree." Between you and me, though, my heart swelled with pleasure. Show me the father who doesn't like to hear his kids praised! Was I a prophet that I should have known what a crazy love affair would come of it? Listen and I'll tell you all about it.

In a word, *vayehi erev vayehi voyker*—one afternoon as I was making my rounds of the Boiberik dachas, someone hailed me in the street. I looked around to see who it was—why, it's Efrayim the Matchmaker! Efrayim the Matchmaker, you should know, is a Jew who makes matches. "Begging your pardon, Reb Tevye," he says, "but I'd like to have a word with you."

"With pleasure," I say, reining in my horse. "I hope it's a good one."

"Reb Tevye, you have a daughter," he says.

"I have seven, God bless them," I say.

"I know you do," he says. "So do I."

"In that case," I say, "we have fourteen between the two of us."

"All joking aside," he says, "what I want to talk to you about is this: being as you know a matchmaker, I have a match for you—and not just any match either, but something really exclusive, extraprime and superfine!"

"Perhaps you can tell me," I say, "what's hiding under the label, because if it's a tailor, a shoemaker, or a schoolteacher, he can save himself the trouble and so can I. *Revakh vehatsoloh ya'amoyd layehudim mimokoym akher*—thank you very kindly but I'll look for a son-in-law elsewhere. It says in the Talmud that—"

"Good Lord, Reb Tevye," he says, "are you starting in on the Talmud again? Before a body can talk with you, he has to spend a year boning up. The whole world is nothing but a page of Talmud to you. If I were you, I'd listen to the offer I'm about to make you, because it's going to take your breath away."

And with that he delivers himself of an after-dinner speech about the young man's credentials. What can I tell you? Champagne and caviar! In the first place, he comes from the best of families, not from the hoi polloi—and that, I want you to know, is what matters most to me, because although we have all kinds in my family, *akudim nekudim uvrudim*—well-off folk, working folk, even some pretty common folk—I'm far from a nobody myself . . . Secondly, Efrayim tells me, his man can parse a verse with the best of them, he knows how to read the small print—and that's no trifle with me either, because I'd sooner eat a buttered pig than sit down to a meal with an illiterate. A Jew who can't read a Jewish book is a hundred times worse than a sinner. I don't give a hoot if you go to synagogue or not; I don't even care if you stand on your head and point your toes at the sky; as long as you can match me quote for quote and line for line, you're a man after my own heart, that's just the way Tevye is . . . And finally, says Efrayim, the fellow is rolling in money; why, he rides about in a droshky pulled by a pair of horses who leave a trail of smoke wherever they go—and that, I thought, is certainly no crime either. Any way you look at it, it's an improvement on being poor. How does the Talmud put it? *Yo'oh aniyuso leyisro'eyl*, not even God likes a beggar. And the proof of it is that if He liked them, He wouldn't make them beg . . .

"Is that all?" I say. "I'm waiting to hear more."

"More?" he says. "What more can you want? He's crazy in love, he's dying to have you. That is, I don't mean you, Reb Tevye, I mean your daughter Hodl. He says he wants a beauty . . ."

"Does he now?" I say. "He should only deserve to have her. But just who is this hotshot of yours? A bachelor? A widower? A divorcé? Or the Devil's own helper?"

"He's a young bachelor," he says. "That is, he's not so young as all that, but a bachelor he certainly is."

"And what might his God-given name be?" I ask.

That, though, was something I couldn't get out of him for the life of me. "Run your daughter down to Boiberik," Efrayim says, "and I'll be glad to tell you."

"*Run* my daughter down to Boiberik?" I say. "Do you think she's a horse being brought to a fair?"

Well, a matchmaker, as you know, can talk a wall into marrying a hole in the ground; we agreed that after the Sabbath I would run my daughter down to Boiberik. I can't tell you what sweet dreams that gave me. I imagined Hodl trailing smoke in a droshky, and the whole world burning up too, but with envy—and not just for the droshky and the horses, but for all the good I

נגידית, העלף־אויס די געפֿאַלענע מיט אַ גמילת־חסד, וועמען אַ כּף־הייער [29], וועמען אַ פֿופֿציקער און וועמען אַ הונדערטער, ווי זאָגט איר? יענער האָט אויך אַ נשמה... אַזוי טראַכט איך מיר, פֿאַרנדיק פֿאַרנאַכטלעך צוריקוועגס אַהיים און שמײַס דאָס פֿערדל, און שמועס מיך דורך מיט דעם אויף פֿערדיש לשון: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם, וויאָ! אַנו, מאַך נאָר, זאָג איך, מיט די רגלים אַ ביסעלע גיכער, באַקומסטו דײַן פּאַרציע האָבער, וואָרעם אין קמח אין תּורה — שטייט בײַ אונדז געשריבן — אַז מע שמירט ניט, פֿאָרט מען ניט“...

און ווי איך רייד מיר דאָ אַזוי מיט מײַן פֿערדל, זע איך, פֿון וואַלד אַרויס שנײַדט זיך אַ פּאָרל, צוויי מענטשן, ניכּר [30], אַ זכר מיט אַ נקבֿה. גיין גייען זיי נאָענט, האַרט איינער צום אַנדערן, און מע רעדט עפּעס זייער געשמאַק. ווער קאָן דאָס זײַן פּלוצעם אין מיטן דרינען? — קלער איך מיר און קוק מיך אײַן דורך די פֿײַערדיקע ריטער פֿון דער זון. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז פּעפּערל! מיט וועמען זשע גייט ער דאָס, דער שלימזל, אַזוי שפּעט? איך פֿאַרשטעל מיך מיט דער האַנט פֿון דער זון און קוק מיך אײַן נאָך שטאַרקער: ווער איז די נקבֿה? אוי! דאַכט זיך, האָדל? יאָ, ס'איז זי, ווי איך בין אַ ייִד, ס'איז זי!... אַזוי? אָט דאָס האָט מען אַזוי געשמאַק געלערנט גראַמאַטיקעס, געלייענט ביכלעך?! אוי, טבֿיה, ביסט אַ בהמה! אַזוי טראַכט איך מיר און שטעל־אָפּ דאָס פֿערדל און רוף זיך אָן צו מײַנע לײַט: „אַ גוטן אָוונט אײַך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח מלחמה? ווי קומט איר, זאָג איך, פּלוצעם גאָר אַהער? אויף וועמען קוקט איר דאָ אַרויס? אויפֿן נעכטיקן טאָג?“... דערהערט אַזאַ מין ברוך־הבא, איז מײַן פּאָרל געבליבן שטיין, ווי זאָגט ער, לא בשמים ולא בארץ [31], דאָס הייסט: נישט אַהין, נישט אַהער, מחילה צעדרייט און רויטלעך אויפֿן פּנים... געשטאַנען אַזוי אַ פּאָר מינוט אָן ווערטער, לאָזט מען אַראָפּ די אויגן,

נאָך דעם הייבט מען אָן קוקן אויף מיר, איך אויף זיי, זיי בײדע איינס אויף דאָס אַנדערע.

— נו? — זאָג איך — עפּעס באַטראַכט איר מיך — זאָג איך — גלײַך אַזוי ווי איר האָט מיך שוין לאַנג נישט געזען. איך בין, דאַכט מיר, דער אייגענער טבֿיה — זאָג איך — וואָס געווען, נישט געמינערט אַ האָר.

אַזוי מאַך איך צו זיי האַלב פֿאַרדראָסיק און האַלב אויף קאַטאָוועס. רופֿט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מײַנע, האָדל הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פֿריִער:

— טאַטע, אונדז קומט מזל־טובֿ...

— מזל־טובֿ אײַך — זאָג איך — מיט מזל זאָלט איר לעבן! וואָס איז די מעשׂה? איר האָט געפֿונען — זאָג איך — אַן אוצר אין וואַלד? צי איר זײַט נאָר וואָס ניצול געוואָרן — זאָג איך — פֿון אַ גרויסער סכּנה?

— אונדז קומט — זאָגט ער — מזל־טובֿ, מיר זײַנען חתן־כּלה.

— וואָס הייסט — זאָג איך — איר זײַט חתן־כּלה?

— חתן־כּלה — זאָגט ער — ווייסט איר נישט וואָס הייסט? חתן־כּלה הייסט — זאָגט ער — איך בין איר חתן, זי איז מײַן כּלה.

אַזוי מאַכט ער צו מיר, פּעפּערל הייסט דאָס, און קוקט מיר דווקא גלײַך אין די אויגן אַרײַן. איך קוק אים אָבער אויך גלײַך אין די אויגן אַרײַן און מאַך צו אים:

— ווען איז בײַ אײַך — זאָג איך — דאָס קנס־מאָל? און פֿאַר וואָס האָט איר נישט גערופֿן מיך אויך אויף דער שׂמחה? איך קער מיך, דאַכט זיך, אָן דאָ אַ שטיקל מחותן, צי ניין?...

איר פֿאַרשטייט, איך לאַך און ווערעם עסן מיך, טאָטשען מײַן לײַב. נאָר גאָר נישט. טבֿיה איז נישט קיין ייִדענע, טבֿיה האָט ליב אויסהאָרכן ביזן סוף... רוף איך מיך אָן צו זיי:

— איך פֿאַרשטיי ניט: אַ שידוך אָן אַ שדכן, אָן תּנאָים? — וואָס דאַרפֿן מיר, מאַכט ער, פּעפּערל הייסט דאָס, שדכנים? מיר זײַנען שוין לאַנג — זאָגט ער — חתן־כּלה.

— אַזוי? גאָטס ניסים! וואָס זשע האָט איר — זאָג איך — געשוויגן ביז אַהער?

— וואָס זאָלן מיר — זאָגט ער — שרײַען? מיר וואָלטן אײַך הײַנט אויך נישט דערציילט. נאָר אַזוי ווי מיר האַלטן אין גיכן בײַ צעשיידן זיך, איז בײַ אונדז געבליבן, מיר זאָלן שטעלן פֿריִערט אַ חופּה...

דאָס האָט מיך שוין פֿאַרדראָסן. ווי זאָגט איר: באו מים עד נפש — דערלאַנגט אין ביין אַרײַן! מילא, וואָס ער זאָגט: חתן־כּלה — איז נאָך צו דערלײַדן. ווי שטייט דאָרטן געשריבן? אָהבֿתּי [32] — ער וויל זי, זי וויל אים. אָבער חופּה? וואָס איז דאָס פֿאַר ווערטער: שטעלן אַ חופּה? עפּעס תּרגום־לשון!... ווײַזן ווײַזט־אויס, אַז מײַן חתן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין פֿון דער מעשׂה אַ ביסל מטושטש; רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— פֿאַרשטייט איר, ר' טבֿיה, די מעשׂה דערפֿון איז אַזוי: איך האַלט בײַ אָפּפֿאָרן פֿון דאַנען.

— ווען פֿאָרסטו?

— אין גיכן.

— וווהין, אַ שטייגעו?

— דאָס קאָן איך אײַך מאַכט ער — ניט זאָגן. ס'איז זאָגט ער — אַ סוד...

would do once I was the father of a rich woman. Why, I'd become a real philanthropist, giving this beggar twenty-five rubles, that one fifty, that one over there an even hundred; I'd let everyone know that a poor man is a human being too . . . That's just what I thought as I traveled home that evening. "Giddyap," I told my horse, giving him a taste of the whip. "If you want your oats tonight, you'd better dance a little faster, because *im eyn kemakh eyn Toyroh*, by me there's no something for nothing."

In a word, there I was talking to him in Horsish when who do I see slipping out of the forest but a young couple, a boy and a girl, deep in talk and walking so close that they're practically hugging. Who can that be in the middle of nowhere, I wondered, squinting into the setting sun at them. Why, I could have sworn it was Peppercorn! But who was the schlimazel out with at this hour? I shaded my eyes with my hand and looked again: who was the female? My God, I said to myself, can that be Hodl? Yes, it's her, all right, or else I'm not a Jew . . . so these are the grammar lessons he's been giving her! Ah, Tevye, I thought, are you ever a jackass—and I stopped my horse and called out to them, "A good evening to you both! What's the latest war news from Japan? I hope it isn't too nosy of me to ask what you're doing here, because if you happen to be looking for pie in the sky, it's already been eaten by Brodsky . . ."

In short, I gave them such a hearty greeting that the two of them were left speechless, *loy bashomayim veloy ba'orets*, neither here nor there, embarrassed and blushing all over. For a moment they just stood there, staring down at the ground. Then they looked up at me, so that now we were staring at each other.

"Well," I said, half in anger, half in jest, "you're looking at me as though you hadn't seen me in a donkey's years. I can assure you that I'm the same Tevye as always, not a hair more or less of me."

"Papa," says my daughter Hodl to me, blushing even brighter. "You can wish us a mazel tov."

"I can?" I say. "Then mazel tov, you should live to be one hundred and twenty! Only what might I be congratulating you for? Have you found a buried treasure in the forest or been rescued from some great danger?"

"You can wish us a mazel tov," says Peppercorn, "because we're engaged to be married."

"You're engaged to be *what?*" I say. "What are you talking about?"

"To be married," he says. "Isn't that a custom you're familiar with? It means that I'll be her husband and she'll be my wife."

That's just what he said to me, Peppercorn did, looking me straight in the eye. So I looked him straight back and said, "Excuse me, but when was the engagement party? It's rather odd that you forgot to invite me to it, because if she'll be your wife, I just might be your father-in-law." I may have seemed to be making a joke of it, but the worms were eating my heart. Say what you will, though, Tevye is no woman; Tevye hears it out to the end. "I'm afraid I still don't get it," I said. "Whoever heard of a match without a matchmaker, without even a betrothal?"

"What do we need a matchmaker for?" says Peppercorn. "We're as good as married already."

"Oh, you are?" I say. "Will wonders never cease! And why have you kept it such a secret until now?"

"What was there to shout about?" he says. "We wouldn't have told you now either, but seeing as we're about to be parted, we decided to make it official."

That was already too much for me. *Bo'u mayim ad nefesh*, as it says: I felt cut to the quick. That he should tell me they were as good as married already—somehow I could still put up with that, how does the verse go? *Ohavti es adoyni, es ishti:* he loves her, she loves him, it's been known to happen before. But *make it official?* What kind of Chinese was that?

Well, even my young man must have seen how befuddled I was, because he turned to me and said: "You see, it's like this, Reb Tevye. I'm about to leave these parts."

"When?"

"Any day now."

"And just where," I asked, "are you off to?"

"I can't tell you that," he says. "It's confidential."

Would you believe it? *Confidential:* put that in your pipe and smoke it! Along comes a black little ragamuffin of a Peppercorn

איר הערט? ס׳איז אַ סוד! ווי געפֿעלט דאָס אײַך, אַ שטייגער? קומט צו גיין אַ פּעפּערל, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, אַ פֿאַרזעעניש, פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ חתן, וויל שטעלן אַ חופּה, האַלט בײַ אַוועקפֿאָרן און זאָגט ניט וווהין! קאָן ניט צעזעצט ווערן די גאַל?

— מילא — זאָג איך צו אים — אַ סוד איז אַ סוד; בײַ דיר איז גאָלע סודות... גיב מיר אָבער צו פֿאַרשטיין, ברודערל, אָט דאָס: דו ביסט דאָך אַ מענטש — זאָג איך — פֿון סאַמע יושר און ביסט אײַנגעטונקען אין מענטשלעכקייט פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ווי קומט דאָס — זאָג איך — צו דיר, אַז דו זאָלסט פּלוצעם, אין מיטן דרינען, צונעמען בײַ טבֿיהן אַ טאָכטער און מאַכן זי פֿאַר אַן עגונה? אָט דאָס הייסט בײַ דיר יושר? מענטשלעכקייט? אַ שטיקל גליק — זאָג איך — וואָס דו האָסט מיך נישט באַגנבֿעט, אָדער אונטערגעצונדן...

— טאַטע! — זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט דאָס — דו ווייסט גאָר ניט, ווי גליקלעך מיר זײַנען, איך און ער, וואָס מיר האָבן דיר אויסגעזאָגט פֿונעם סוד. ס׳איז בײַ אונדז — זאָגט זי — אַראָפּ אַ שטיין פֿונעם האַרצן. קום אַהער, לאָמיר זיך צעקושן.

און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּן זיי מיך אַרום ביידע, זי פֿון איין זײַט, ער פֿון דער אַנדערער זײַט, און מע הייבט מיך אָן קושן און האַלדזן. זיי מיך און איך זיי, און פֿון גרויס אימפּעט, אַ פּנים, זיי ביידע צווישן זיך דאָוויַ[33] קושן זיך! אַ באַשרײַבונג, זאָג איך אײַך, אַ טעיאַטער מיט זיי!

— טאָמער וואָלט שוין געווען — זאָג איך — גענוג קושן זיך? צײַט עפּעס ריידן מכּוח תּכלית.

— מכּוח וואָסער תּכלית? — זז׳גן ז׳י.

— מכּוח נדן — זאָג איך — מלבושים, הוצאות־החתונה, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע...

— מיר דאַרפֿן נישט — זאָגן זיי — גאָר נישט ניט, נישט קיין לאָקשן, נישט קיין בוידעם, נישט קיין ציבעלעס.

— וואָס זשע דען — זאָג איך — דאַרפֿט איר יאָ?

— מיר דאַרפֿן — זאָגן זיי — נאָר חופּה וקדושין...

איר הערט ווערטער?...

בקיצור, איך וועל אײַך ניט מאַריך זײַן, עס האָט מיר געהאָלפֿן ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. מען האָט געשטעלט אַ חופּה — אַלץ הייסט אַ חופּה! אַוודאי, וואָס זאָלט איר קלערן, נישט אַזאַ חופּה, ווי טבֿיהן שטייט־אָן. אויך מיר אַ חופּה!... אַ שטילע חתונה... אָך און וויי!... און דערצו איז נאָך פֿאַראַן אַ ווײַב. ווי זאָגט איר? אויף אַ מכּה אַ בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איר נאָר זאָגן, וואָס איז דאָס עפּעס אַזוי כאַפּ־לאַפּ, בחפזונדיק? נו, גייט גיט צו פֿאַרשטיין אַ יידענע, אַז סע ברענט! וואָס טויג אײַך, איך האָב איר געמוזט אָפּטאָקן פֿון דרך־שלום וועגן אַ ליגן הגדול הגבור והנורא. אַ מעשׂה מיט אַ ירושה, אַ רײַכע מומע פֿון יעהופּעץ, נעכטיקע טעג — אַבי זי זאָל מיך לאָזן צו רו. און טאַקע באותו יום, דאָס הייסט אַ פּאָר שעה נאָך דער שיינער חופּה, שפּאַן איך אײַן דאָס פֿערד־און־וועגעלע און מיר זעצן זיך אויף זאַלבעדריט, דאָס הייסט: איך און זי און ער, דער געניידעם[34] מייַנער, און הלך משה מרדכי[35] — מאַרש צו דער באַן קיין בויבעריק. זיצנדיק אַזוי מיט מײַן פּאָרפֿאָלק אין וועגעלע, כאַפּ איך מיר אַ קוק מן הצד אויפֿן דאָזיקן פּאָרל און טראַכט מיר: וואָס פֿאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן און ווי מאָדנע שיין ער פֿירט זײַן וועלטל! און וואָס פֿאַר מיני משונה נפֿשות, ווילדע ברואים, עס געפֿינען זיך בײַ אים! אָט האָט איר אײַך אַ פּאָרפֿאָלק נאָר וואָס פֿון דער נאָדל אַרויס: פֿאָרט ער אַוועק, דער גוטער יאָר ווייסט אים וווהין, און זי בלײַבט־איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזן אַפֿילו אַ טרער, כאָטש פֿון יוצא וועגן! נאָר גאָר נישט, טבֿיה איז נישט קיין יידענע. טבֿיה האָט צײַט. קוקט און שווײַגט, וואָס וועט דאָ זײַן... זע איך עפּעס אַ פּאָר יונגע לײַטלעך, גוטע קאַסריליקעס, מיט אויסגעטראָטענע שטיוול, זײַנען אַרויסגעקומען אויפֿן באַן זיך געזעגענען מיט מײַן שפּילפֿויגל. איינער פֿון זיי איז געגאַנגען עפּעס ווי אַ שייגעץ, איך בעט־איבער אײַער כּבֿוד, מיטן העמדל איבער די הויזן, און האָט עפּעס געשושקעט זיך מיט מײַנעם שטילערהייט. „זע נאָר, טבֿיה, טראַכט איך מיר — צי האָסטו זיך ניט אַרײַנגעכאַפּט דאָ צווישן חבֿרה פֿערד־גנבֿים, בײַטל־שנײַדערס, שלעסער־ברעכערס אָדער פֿאַלשע מאָנעטשיקעס?[36]...

פֿאָרנדיק צוריק מיט מײַן האָדלען פֿון בויבעריק אַהיים, קאָן איך מיך נישט אײַנהאַלטן און זאָג איר אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק גאַנץ אָפֿנטלעך. צעלאַכט זי זיך און וויל מיר אײַנריידן, אַז ס׳איז לויטער פֿײַנע מענטשלעך, ערלעכע, לעצט־ערלעכע לײַט, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז נאָר פֿון יענעמס וועגן, זיך האָבן זיי נישט אין זינען, אַפֿילו אין דער לינקער פּיאַטע... „אָט אַ יענער, זאָגט זי, וואָס מיטן העמדל, דער איז גאָר אַ טאַטנס אַ קינד; ער האָט, זאָגט זי, אַוועקגעוואָרפֿן רײַכע טאַטע־מאַמע אין יעהופּעץ, וויל נישט נעמען בײַ זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן“.

— אַזוי? גאָטס וווּנדער! — זאָג איך — טאַקע זייער אַ פֿײַן בחורל, כ׳לעבן! צום העמדל, וואָס ער גייט איבער די הויזן, מיט די לאַנגע האָר, ווען גאָט העלפֿט אים נאָך אַ האַרמאָניע, אָדער אַ הונט זאָל אים נאָכלויפֿן פֿון הינטן, דעמאָלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיבעטן חן!...

אָט אַזוי רעכן איך זיך אָפּ מיט איר שוין פֿאַר אים אויך און לאָז־אויס מײַן ביטער האַרץ, הייסט דאָס, צו איר, נעבעך... און זי? גאָר נישט! אין אסתּר מגדת[37] מאַכט זיך תּמעוואַטע. איך איר: „פּעפּערל“! און זי מיר: „טובֿת־הכּלל, אַרבעטער, נעכטיקע טעג“...

and informs me all in one breath that he's my son-in-law, and that he's making it official, and that he's going away, and that where is confidential! It made my gorge rise. "Look here," I said to him, "I understand that a secret is a secret—in fact, you're one big secret to me . . . But just tell me one thing, brother: you pride yourself on your honesty, you're so full of humanity that it's coming out of your ears—how can you marry a daughter of mine and run out on her the same day? You call that honest? You call that human? I suppose I should count myself lucky that you haven't robbed me and burned my house too."

"Papa!" says Hodl to me. "You don't know how happy it makes us to finally tell you the truth. It's such a load off our minds. Come, let me give you a kiss." And before I know it she grabs me from one side, he grabs me from the other, and we all begin to kiss so hard that pretty soon they're kissing each other. A scene from the theater, I tell you! "Don't you think that's enough for a while?" I finally managed to say. "It's time we had a practical talk."

"About what?" they ask.

"Oh," I say, "about dowries, trousseaus, wedding costs, everything from soup to nuts . . ."

"But we don't want any soup or nuts," they say.

"What do you want, then?" I ask.

"An official wedding," they say. Did you ever hear of such a thing in your life?

Well, I don't want to bore you. All my arguments did as much good as last winter's snow. We had an official wedding. Take my word, it wasn't the wedding that Tevye deserved, but what doesn't pass for a wedding these days? A funeral would have been jollier. And to make matters worse, I have a wife, as you know, who can be a royal pain. Day in and day out she kept after me: how could I ever permit such a higgledy-piggledy, such a slapdash affair? Go try explaining to a woman that time is of the essence! There was nothing for it but to smooth things over with a tiny little fib about a childless old aunt of Peppercorn's in Yehupetz, oodles of money, a huge inheritance that would be his one bright day in the middle of the night—anything to take the heat off me . . .

That same day, a few hours after the splendid wedding, I harnessed my horse to the wagon and the three of us, myself, my daughter, and my heir-in-law, piled into it and drove to Boiberik. As I sat there stealing a glance at them, I thought, how clever it is of God to run His world according to the latest fashions! And the weird types He puts in it! Why, right next to me was a freshly married couple, still wet behind the ears, so to speak, one of them setting out for the Devil knows where and the other not shedding a tear for him, not even one for the record—but Tevye was no woman, Tevye would wait and see . . . At the station were a few youngsters, born-and-bred Kasrilevkites to judge by the state of their boots, who had come to say goodbye. One, wearing his shirt down over his pants and looking more like a Russian than a Jew, stood whispering with my wanderbird. I do believe, Tevye, I told myself, that you've married into a gang of horse thieves, or purse snatchers, or housebreakers, or at the very least, highway murderers . . .

On the way back from Boiberik I couldn't restrain myself any longer, and I told my Hodl what I thought of them. She laughed and tried explaining to me that they were the best, the finest, the most honorable young people in the world, and that they lived their whole lives for others, never giving a fig for their own skins. "For example," she says, "that one with the shirt hanging out: he comes from a rich home in Yehupetz—but not only won't he take a penny from his parents, he refuses even to talk to them."

"Is that a fact?" I say. "I do declare, honorable is hardly the word! Why, with that shirt and long hair, all he needs is a half-empty bottle of vodka to look the perfect gentleman."

Did she get it? Not my Hodl! *Eyn Esther magedes*—see no evil, hear no evil. Each time I took a dig at her Peppercorn's friends, back she came at me with capital, the working class, pie in the sky.

— וואָס טויג מיר — זאָג איך — אײַער טובֿת־הכּלל מיט אײַער אַרבעטן, אַז עס גייט־צו בײַ אײַך בסוד? פֿאַראַן — זאָג איך — אַ שפּריכוואָרט: וווּ אַ סוד, דאָרט איז אַ גנבֿה... אָמער זאָג מיר גלײַך, וואָס איז ער געפֿאָרן, פּעפּערל, און וווּהין?...

— אַלצדינג יאָ — זאָגט זי — נאָר דאָס נישט. פֿרעג זיך — זאָגט זי — בעסער נישט נאָך. גלייב מיר — זאָגט זי — וועסט מיט דער צײַט אַליין אַלצדינג וויסן. וועסט, אם־ירצה־השם, הערן און אפֿשר אין גיכן, פֿיל נײַס, פֿיל גוטס!...

— אָמן, הלוואַי — זאָג איך — פֿון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נאָר אונדזערע שונאים — זאָג איך — זאָלן אַזוי וויסן פֿון זייער געזונט, ווי איך הייב־אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך בײַ אײַך און וואָס באַטײַט די שפּיל!...

— אָט דאָס איז טאַקע — זאָגט זי — דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס ניט פֿאַרשטיין.

— וואָס זשע, ס'איז אַזוי טיף? מיר דאַכט — זאָג איך — אַז איך פֿאַרשטיי, מיט גאָטס הילף, גרעסערע זאַכן...

— דאָס לאָזט זיך ניט — זאָגט זי — פֿאַרשטיין מיטן שׂכל אַליין. דאָס דאַרף מען — זאָגט זי — פֿילן, פֿילן מיטן האַרצן...

אַזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל הייסט עס, און דאָס פּנים בײַ איר בשעת־מעשׂה פֿלאַמט און די אויגן ברענען. ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די טעכטער מײַנע! פֿאַרקאָכן זיי זיך אין עפּעס, איז מיט האַרצן און מיט לײַב און לעבן, און מיטן גוף און מיט דער נשמה!

(בקיצור) וועל איך אײַך דערציילן, עס גייט־אַוועק אַ וואָך און צוויי און דרײַ און פֿיר און פֿינף און זעקס און זיבן — אין קול ואין כּסף [38] — נישטאָ ניט קיין בריוו, ניט קיין ידיעה. „פֿאַרפֿאַלן, זאָג איך, פּעפּערל!" — און כאַפּ אַ קוק אויף מײַן האָדלען. נעבעך, קיין טראָפּן בלוט נישטאָ אין פּנים. זוכט־אויף אַלע מאָל אַן אַנדער שטיקל אַרבעט אין שטוב. וויל, ווײַזט־אויס, פֿאַרגעסן דורך דעם די גרויסע צרות אירע. נאָר, איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס אים אַפֿילו דערמאָנען! שאַ, שטיל, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיין מאָל נישט געווען קיין פּעפּערל אויף דער וועלט! נאָר איין מאָל טרעפֿט זיך אַ מעשׂה, איך קום צו פֿאָרן אַהיים, איך זע — מײַן האָדל איז פֿאַרוויינט, גייט־אַרום מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. הייב איך מיך אָן צו דערפֿרעגן. ווער איך געוויר, אַז דאָ איז נישט לאַנג געווען עפּעס אייבער אַ שלימזל מיט לאַנגע האָר און געסודעט זיך עפּעס מיט איר, מיט האָדלען הייסט עס. „אַהאַ! — טראַכט איך מיך — דאָס איז יענער חבֿרה־מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפֿן רײַכע טאַטע־מאַמע און האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס העמדל איבער די הויזן"... און נישט לאַנג געטראַכט, רוף איך אַרויס מײַן האָדלען פֿון שטוב אין הויף אַרויס און טו זי אַ כאַפּ גלײַך אויף דער ווענטקע:

— זאָג מיר נאָר, טאָכטער, האָסט שוין פֿון אים אַ גרוס?

— יאָ.

— וווּ איז ער ערגעץ, דײַן באַשערטער?

— ער איז — זאָגט זי — ווײַט.

— וואָס טוט ער?

— ער זיצט!

— ער זיצט?

— ער זיצט...

— וווּ זיצט ער? פֿאַר וואָס זיצט ער?

שווײַגט זי. קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און שווײַגט.

— זאָג מיר נאָר — זאָג איך — טאָכטער מײַנע, ווערליק איך פֿאַרשטיי, זיצט ער נישט פֿאַר קיין גנבֿה. פֿאַרשטיי איך ניט דעם שׂכל, אַז ווי באַלד קיין גנבֿ ניט און קיין שווינדלער ניט, הײַנט פֿאַר וואָס זשע זיצט ער, פֿאַר וואָסערע מעשׂים טובֿים?...

שווײַגט זי — אין אסתּר מגדת... האָב איך מיך מיישבֿ געווען: זאָגסט ניט, דאַרף מען ניט. ער איז דאָך דײַן שלימזל, ניט מײַנער. אַ שיינע, ריינע כּפּרה! נאָר אינעווייניק אין האַרצן טראָג איך אַ ווייטיק. איך בין פֿאָרט אַ פֿאָטער, ווי מיר זאָגן אינעם דאַווענען: כּרחם אָבֿ על בנים [39] — אַ פֿאָטער בלײַבט אַ פֿאָטער.

בקיצור, געווען איז דאָס הושענאַ־רבה אויף דער נאַכט. יום־טובֿ איז בײַ מיר אַ מנהג, איך רו מיך אָפּ, און אויך דאָס פֿערדל רוט זיך בײַ מיר אויס, ווי אין דער תּורה שטייט געשריבן: אַתּה — דו, ושורך — און דײַן ווײַב, וחמורך — און דײַן פֿערדל [40]... און אַגבֿ איז שוין אין בויבעריק כּמעט נישטאָ וואָס צו טאָן: טוט מען אַ בלאָז מיטן שופֿר, אַזוי צעלויפֿן זיך אַלע דאַטשניקעס, ווי די מײַז אין אַ הונגער, און בויבעריק ווערט אַ פּוסטקע [41]. דעמאָלט האָב איך ליב צו זיצן אין דער היים, בײַ זיך אויף דער פּריזבע. פֿאַר מיר איז עס דאָס בעסטע שטיקל צײַט. די טעג זײַנען געשענקטע. די זון באַקט שוין ניט, ווי אַ קאַלכאויוון, נאָר זי גלעט מיט אַ מין ווייכקייט, מחיה נפֿשות. דער וואַלד איז אַלץ נאָך גרין, די סאָסנעס הערן ניט אויף צו שמעקן מיט סמאָלע, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער וואַלד קוקט יום־טובֿדיק, ווי גאָטס אַ סוכּה, אַ סוכּה פֿון גאָט. אָט דאָ, טראַכט איך מיר, האַלט גאָט סוכּות. דאָ, ניט אין שטאָט, וווּ סע טאַרעראַמט, און מענטשן לויפֿן הין און הער, פֿינען מיט דער נשמה, יאָגן זיך נאָכן שטיקל ברויט, און מע הערט נאָר געלט און געלט און געלט!... און ווער שמועסט אויף דער נאַכט, הושענאַ־רבה, למשל, איז דאָך גאָר אַ גן־עדן: דעמאָלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פֿינקלען, שעמערירן, בײַטן זיך, פֿינטלען, ווי להבֿדיל אַ מענטש מיט די אויגן; און אַ מאָל, מאַכט זיך, פֿליט־דורך אַ שטערן פֿײַל אויסן

"What do I care about your working class," I said, "if it's such a military secret? There's an old saying, you know, that if you scratch a secret, you'll find a thief. Tell me the truth, now: where is Peppercorn going and why is he going there?"

"Ask me anything but that," she says. "Better yet, don't ask me anything. Just pray that there'll be some good news soon . . ."

"Amen," I say. "I only hope God's listening. My enemies should worry about their health as much as I'm beginning to worry about the little game that you and your friends are playing . . ."

"The trouble is, you don't understand," she says.

"What's to understand?" I say. "I'd like to think I understand harder things."

"It's not something you can grasp with just your head," she says. "You have to feel it—you have to feel it with all your heart!"

And on she went, my Hodl, her face flushed and her eyes burning as she talked. What a mistake it was to go and have such daughters! Whatever craziness they fall for, it's head and heart and body and soul and life and limb all together . . .

Well, let me tell you, a week went by, and then another, and still another, and another, and another—*eyn koyl ve'eyn kosef,* there's not a letter, not a single word. That's the last of Peppercorn, I thought, looking at my Hodl. There wasn't a drop of blood in her poor cheeks. All the time she did her best to keep busy about the house, because nothing else helped take her mind off him—yet couldn't she have said something, couldn't she at least have mentioned his name? No, not one syllable: you'd think that such a fellow as Peppercorn was a pure figment of my imagination . . .

One day when I came home, though, I could see that my Hodl had been crying; her eyes were swollen with tears. I asked around and was told that not long before, a character with long hair had been in the house and spoken to her in private. Oho, I said to myself, that must be our fine friend who goes about with his shirt hanging out and tells his rich parents to jump in the lake! And without thinking twice I called my Hodl out to the yard and put it straight to her. "Tell me," I asked her, "have you heard from him?"

"Yes," she said.

"And where," I ask, "is your true love?"

"He's far away," she says.

"And what," I ask, "might he be doing there?"

"He's doing time," she says.

"Time?"

"Time."

"But where?" I ask. "For what?"

Hodl didn't answer. She looked straight at me and said nothing.

"Just explain one thing to me, Daughter," I said. "I don't need you to tell me that he's not doing time for horse theft. And if he isn't a thief and he isn't a swindler, what good deeds has he been put away for?"

*Eyn Esther magedes*—mum's the word! Well, I thought, if you don't want to talk, you don't have to; he's your bit of bad luck, not mine; may the Lord have mercy on him! . . . My heart didn't ache any less, though. After all, she was my daughter. You know what it says in the prayer book: *kerakheym ov al bonim*—a father can't help being a father . . .

In short, the summer passed, the High Holy Days came and went, and it was already Hoshana Rabbah, the last day of Sukkos. It's my habit on holidays to give myself and my horse a breather, just like it says in the Bible: *atoh*—you yourself; *veshorkho*—and your wife; *vekhamorkho*—and your horse too . . . Besides, there's nothing to do then in Boiberik anyway; as soon as Rosh Hashanah comes along, all the dacha owners take off like a pack of hungry mice and Boiberik turns into a ghost town. It's a good time to stay home and relax a bit on the front stoop. In fact, it's my favorite season. Each day is a gift. The sun's not as hot as an oven anymore and has a mildness about it that makes being out-of-doors a pleasure. The leaves are still green, the pine trees give off a good tarry smell, and the whole forest is looking its best, as if it were God's own sukkah, a tabernacle for God. It's there that He must celebrate the holiday, not in the city, where there's such a commotion of people running about to earn their next meal and thinking only of money, of how to make more and more of it . . . And at night you might think you were in Paradise, the sky such a deep blue and the stars twinkling, sparkling, winking on and off at you like eyes; sometimes one shoots through the air as fast as an arrow, leaving behind a green trail—that's a sign that someone's

דאָס קול אירס, מאָלט זיך מיר אויס, איז עפּעס ווי פֿאַרדומפּן, ציטערט... זאָל איך איר, אַ שטייגער, פֿאַלן אויפֿן האַלדז, בעטן, חלשן פֿאַר איר, זי זאָל נישט פֿאָרן? ווייס איך, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפֿן. ימח שמם זאָלן זיי ווערן, טאַקע די טעכטער מײַנע! פֿאַרקאָכן זיי זיך אין עמעצן, איז מיטן גוף און מיט דער נשמה, און מיטן האַרצן, און מיט לײַב און לעבן!

בקיצור, מיר זײַנען אָפּגעזעסן אַזוי אויף דער פּריזבע אַ היפּשע שטיק צײַט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, כּמעט די גאַנצע נאַכט. מער געשוויגן ווי גערעדט. און דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט, איז אויך געווען כּמעט ווי נישט גערעדט, האַלבע ווערטער... זי האָט גערעדט און איך האָב גערעדט. איך פֿרעג זי נאָר איין זאַך: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַ מיידל זאָל נעמען און חתונה האָבן פֿאַר אַ בחור צולים דעם, זי זאָל אים קאָנען נאָכגיין ערגעץ אין אַל די שוואַרצע יאָר? ענטפֿערט זי מיר:

— מיט אים איז אַלץ איינס, אַפֿילו אין אַל די שוואַרצע יאָר...

גיב איך איר, געוויינטלעך, צו פֿאַרשטיין מיטן שׂכל, ווי נאַריש דאָס איז. גיט זי מיר צו פֿאַרשטיין מיט איר שׂכל, אַז איך וועל דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין. ברענג איך איר אַ משל מיט אַ הון, אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפֿגעכאַפּט אויף די פּיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפֿן וואַסער, און די קוואָקע, נעבעך, קוואָקעט.

— וואָס, — זאָג איך — וועסטו זאָגן — זאָג איך — דערויף, טאָכטער לעבן?

— וואָס — זאָגט זי — זאָל איך דערויף זאָגן? ס׳איז אַוודאי אַ רחמנות — זאָגט זי — אויף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם — זאָגט זי — וואָס די קוואָקע קוואָקעט זאָלן די קאַטשקעלעך ניט שווימען?...

איר פֿאַרשטייט דיבורים? טבֿיהס טאָכטער רעדט נישט גלאַט...

און דערווײַל די צײַט שטייט נישט. עס הייבט שוין אָן צו שאַרײַען אויף טאָג. די אַלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט זאָגן, אַז ס׳איז שוין צײַט מאַכן נאַכט. און געזען, אַז עס העלפֿט זיך נישט, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פֿענצטער און מאַכט צו מיר, מיט אַ שיינעם יבֿרכך, געוויינטלעך:

— טבֿיה! וואָס טראַכסטו זיך?

— לאָז זײַן שטיל — זאָג איך — גאָלדע, ווי אין פּסוק שטייט: למה רגשו[44]? האָסט פֿאַרגעסן, אַ פּנים, אַז ס׳איז הײַנט הושענא־רבה? הושענא־רבה — זאָג איך — ווערט אונדז אָנגעחתמעט דאָס גוטע קוויטל. הושענא־רבה דאַרף מען זײַן אויף. פֿאָלג מיך, גאָלדע — זאָג איך — דו נעם, זײַ מוחל, צעבלאָז נאָר דעם סאַמאָוואַר — זאָג איך — און לאָז זײַן טיי. און איך וועל גיין דערווײַלע שפּאַנען דאָס וועגעלע, מיר פֿאָרן מיט האָדלען צו דער באַן.

— און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איר אָפּ אַ שפּאָגל־נײַעם ליגן, אַז האָדל פֿאָרט־אַוועק קיין יעהופּעץ און פֿון דאָרטן נאָך ווײַטער, אַלץ מכּוח יענעם עסק, מכּוח דער ירושה הייסט דאָס. און עס קאָן געמאָלט זײַן — זאָג איך — אַז זי זאָל שוין דאָרטן בלײַבן איבערן גאַנצן ווינטער, און אפֿשר איבערן ווינטער מיטן זומער מיט נאָך אַ ווינטער; לכן דאַרף מען איר — זאָג איך — מיטגעבן צידה לדרך, אַ ביסל גרעט, אַ קליידל, אַ פּאָר קישנס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שאָר־ירקות.

אַזוי קאָמאַנדעווע איך און זאָג־אָן, ס׳זאָל נישט זײַן קיין געוויינען. ס׳איז הושענא־רבה אויף דער וועלט.

— הושענא־רבה — זאָג איך — טאָר מען ניט וויינען; ס׳איז אַ בפֿירושער דין!

הערט מען דאָך מיך מיטן דין מסתּמא ווי די קאַץ און מע וויינט דווקא יאָ. און אַז סע קומט צום געזעגענען זיך, ווערט אַ יללה. אַלע וויינען — די מאַמע, די קינדער און טאַקע זי אַליין, האָדל הייסט דאָס, און ועל כּולם, אַז ס׳איז געקומען צו דער עלטערער טאָכטער מײַנע, צייטל מיין איך (אויף יום־טובֿ קומט זי צו מיר מיט איר באַשערטן, מיט מאָטל קאַמזויל), האָבן זיך ביידע שוועסטער אַ וואָרף געטאָן איינע דער אַנדערער אויפֿן האַלדז — מע האָט זיי קוים אָפּגעריסן...

נאָר איך איינער האָב מיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן, דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי — שטאָל און אײַזן; אינעווייניק קאָכט ווי אַ סאַמאָוואַר, נאָר יענעם אַרויסבאַווײַזן — פֿע! טבֿיה איז דאָך נישט קיין ייִדענע... דעם גאַנצן וועג קיין בויבעריק שווײַגט מען. און אַז מיר האַלטן שוין נישט ווײַט פֿון דער באַן, רוף איך מיך אָן צו איר, זי זאָל מיר זאָגן דאָס לעצטע מאָל, וואָס פֿאַרט האָט ער געטאָן אַזעלכעס, פּעפּערל הייסט דאָס?...

— איטלעכע זאַך — זאָג איך — באַדאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ טעם...

her, had a fit, begged her not to go? But I could see it was a lost cause. Damn them all, every one of those daughters of mine—when they fall for someone, they do it hook, line, and sinker!

In a word, we sat on the stoop all night long. Much of the time we said nothing, and even our talk was in bits and snatches. Sometimes I listened to Hodl, and sometimes she listened to me. I asked her one thing: whoever heard of a girl marrying a boy for the sole purpose of following him to the North Pole? I tried using reason to convince her how unreasonable it was, and she tried using reason to convince me that reason had nothing to do with it. Finally, I told her the story of the duckling that was hatched by a hen; as soon as it could stand on its feet it toddled down to the water and swam away, while its poor mother just stood there and squawked. "What, Hodl, my darling, do you have to say about that?" I asked. "What is there to say?" she said. "Of course, I feel sorry for the hen; but just because the hen squawks, is the duckling never to swim?" . . . Now, is that an answer or isn't it? I tell you, Tevye's daughters don't mince words!

Meanwhile time was going by. The dawn began to break. Inside the house my wife was grumbling. She had let us know more than once that it was time we called it a night—and now, seeing all the good it had done, she stuck her head out the window and bawled with her usual tact, "Tevye! What in God's name do you think you're doing out there?"

"Ssshhh, don't make so much noise, Golde," I said. "*Lomoh rogshu,* says the Bible—have you forgotten that it's Hoshana Rabbah? On the night of Hoshana Rabbah one isn't supposed to sleep, because it's then that the Book of Life is shut for the year . . . And now listen, Golde: please put up the samovar and let's have tea, because I'm taking Hodl to the station." And right on the spot I made up another whopper about Hodl having to go to Yehupetz, and from there to somewhere else, on account of Peppercorn's inheritance; in fact, she might very well have to spend the winter there, and maybe even the summer, and possibly the winter after that—which was why she needed a few things for the trip, such as linens, a dress, some pillows and pillowcases, and whatever else a young lady had to have . . .

Those were my orders—the last of which was that there better not be any tears, not when the whole world was celebrating Hoshana Rabbah. "No crying allowed on a holiday!" I said, "It's written in the Talmud, black on white." It could have been written in solid gold for all anyone listened to me. Cry they did, and when the time came to part, such a wailing broke out as you never heard in all your life. Everyone was shrieking: my wife, my daughters, my Hodl, and most of all, my eldest, Tsaytl, who spent the holiday at our place with her Motl. The two sisters hugged each other so hard that we could barely tear them apart . . .

I alone stayed strong as steel—that is, I steeled myself, though I was about as calm as a boiling kettle inside. But do you think I let anyone see it? Not on your life! Tevye is no woman . . . Hodl and I didn't say a word all the way to Boiberik, and only when we were nearly at the station did I ask her one last time to tell me what her Peppercorn had done. "It's got to be something!" I said.

ווערט זי אָנגעצונדן און שווערט מיר מיט כּל השבֿועות שבעולם, אַז ער איז ריין ווי גינגאָלד.

— ער איז — זאָגט זי — אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי פֿאַר זיך אַרט אים נישט, דאָס גאַנצע טועכץ זײַנס איז נאָר — זאָגט זי — יענעמס טובֿה, דער וועלטס טובֿה, און דער עיקר פֿאַר יגיע־כּפּים־ניקעס, די בעלי־מלאכות, און גייט זײַט אַ חכם און טרעפֿט, וואָס דאָס הייסט!

— זאָרגט ער זיך — זאָג איך צו איר — הייסט דאָס, פֿאַר דער וועלט? למאַי זשע — זאָג איך — זאָרגט זיך נישט די וועלט פֿאַר אים, אַז ער איז יאָ אַזאַ ווילער בחור? זאָלסט אים כאָטש לאָזן גריסן — זאָג איך — דעם אַלעקסאַנדער מוקדון דײַנעם, זאָלסט אים זאָגן — זאָג איך — אַז איך פֿאַרלאָז מיך אויף זײַן יושר. ער איז דאָך אַ מענטש פֿון סאַמע יושר — זאָג איך — אַז ער וועט מײַן טאָכטער מסתּמא נישט פֿאַרפֿירן און שרײַבן אַ מאָל — זאָג איך — אַ בריוול דעם אַלטן טאַטן...

און אַזוי ווי איך רייד, פֿאַלט זי מיר נישט פּלוצעם אויפֿן האַלדז און הייבט נישט אָן צו וויינען?

— לאָמיר זיך — זאָגט זי — געזעגענען. זײַ געזונט, טאַטע! גאָט ווייסט — זאָגט זי — ווען מיר וועלן זיך זען!?...

אַן עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. עס איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, פֿאַרשטייט איר, טאַקע די אייגענע האָדל, בשעת זי איז נאָך געוועזן אַ ברעקל... אַ קינד הייסט דאָס... זי געהאַלטן אויף די הענט... אויף די הענט געהאַלטן... האָט קיין פֿאַראיבל נישט, פּאַני, וואָס איך האָב מיך... מעשׂה ייִדענע... איר זאָלט וויסן, הערט איר, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ האָדל, דאָס איז!... איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרײַבט... ס'איז אַ האָדל פֿון גאָט!... זי איז בײַ מיר אָט אַ דאָ אָ, איז זי בײַ מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אײַך אַזוי פֿיל נישט אַרויסגעבן... — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייסט איר וואָס, פּאַני שלום עליכם? לאָמיר בעסער ריידן פֿון עפּעס פֿריילעכערס: וואָס הערט זיך עפּעס מכּוח דער כאָלירע[45] אין אָדעס?...

She flared up at that; her husband, she swore, was as clean as the driven snow. "Why," she said, "he's a person who never thinks of his own self! His whole life is for others, for the good of the world—and especially for the workers, for the workingman . . ."

Maybe some day I'll meet the genius who can explain to me what that means. "You say he cares so much about the world?" I said. "Well, maybe you can tell me why, if he and the world are such great friends, it doesn't care more about him . . . But give him my best wishes, and tell your Alexander the Great that I'm counting on his honor, because he is the very soul of it, isn't he, to see to it that my daughter isn't ruined and that she drops her old father a line now and then . . ."

I was still in the middle of the sentence when she hugged me and burst into tears. "We'd better say goodbye now," she said. "Be well, Papa. God knows when we'll see each other again . . ."

That did it! I couldn't keep it in a second longer. You see, just then I thought of my Hodl when I held her as a baby in my arms . . . she was just a tiny thing then . . . and I held her in these arms . . . please forgive me, Pani, if . . . if I . . . just like a woman . . . but I want you to know what a Hodl I have! You should see the letters that she writes me . . . she's God's own Hodl, Hodl is . . . and she's with me right here all the time . . . deep, deep down . . . there's just no way to put it into words . . .

You know what, Pani Sholem Aleichem? Let's talk about something more cheerful. Have you heard any news of the cholera in Odessa?

*(1904)*

Translated by Hillel Halkin.